בעזהשי"ת

# גליון
# לא יסור שבט מיהודה

**פניני תורה וחסידות, פניני מנהג והלכה, סיפורים בהמשכים וסיפורי צדיקים**
**בשילוב תולדות וקורות דברי ימי רבוה"ק מסטרעטין זללה"ה**

מתוך ספר התולדות "לא יסור שבט מיהודה - סטרעטין" הנמצא בשלבי העריכה שיצא לאור אי"ה ברוב פאר והדר בעתו ובזמנו בעזהשי"ת

**גליון שצ"ה - שנה ח' - פרשת בהעלותך - פרקי אבות פרק ב' – חודש סיון - שנת תשפ"ה לפ"ק**

**זמנים לש"ק פרשת בהעלותך: הדלק"נ: 8:08 עלות השחר: 4:15 נץ החמה: 5:28 סו"ז קר"ש: 9:12\8:36 חצות: 12:57 שקיעה: 8:27 זמן ר"ת: 9:40**

הזמנים הם לפי אופק לעיקוואד יצ"ו

## אמרות טהורות

**שבת פרשת בהעלותך – גודל הזמן.**

שמעתי מאת **כ"ק אדמו"ר מבאיאן שליט"א** כששהה על ההרים לשבת התועדות של כלל חסידי באיאן בארה"ב פרשת בהעלותך שנת תשנ"ט לפ"ק, פו"א אחר עריכת השלחן: ידוע שאצל הרה"ק מלעכעוויטש זיע"א בשעה שהלך הצדיק לטהר עצמו במקוה עש"ק לכבוד ש"ק 'איז ער געגאנגען אין די באגלייטן פון די כליזמר ווייל עס שטייט אין פרשה כי ה' דיבר טוב על ישראל'. זאגען גוטס אויף אידען. והבן.

המלקט.

**ויעש כן אהרן. פרש"י ז"ל להגיד שבחו של אהרן שלא שינה.**

**[בשם הרה"ק רבי אברהם מסטרעטין זללה"ה]** ר"ל כי "לא" אותיות אל ואל הוא מרמז על הצדיק כמאה"כ (בראשית לג,כ) הקב"ה קרא ליעקב אל. והפירוש כן הוא כי אהרן כהנא היה כ"כ מעלה נשמות עם בנ"י אפילו אם בא לפניו איש שהיה בבחינת לא. היה בכח ידו להעלותו ולתקנו עד מדרגת אל שהוא מדרגה גדולה וזה היה שבחו של אהרן.

דגל מחנה יהודה - סטרעטין.

## פניני מנהג והלכה

### מעלת נתינת צדקה בערב שבת קודש – א'

**חוץ מעצם גודל הענין של נתינת צדקה קודם הדלקת הנרות יש ענין מיוחד להרבות המצות הצדקה בערב שבת בכלליות הן אנשים והן נשים.**

מקור קדום לענין מצינו **בספר תיקוני תשובה שחיבר המקובל האלוקי הרמ"ע מפאנו זיע"א** וזה לשונו: ויתן צדקה לעניים ולבעלי תורה להחיות נפשם בעולם הזה ולגדל יתומים בביתו וללמדם תורה ומצוות וירבה עמהם בעונג שבת.

ובהמשך כותב בזה הלשון: ומה טובה ליתן לפחות פרוטה לצדקה קודם כל תפלה ובערבי שבתות ויו"ט יקדים ליתן כנגד כל התפלות שבהם.

המשך עניני נתינת צדקה בעש"ק - בשבוע הבעל"ט

אלע חסידים מזל טוב! ביחד עם כלל ישראל אנו מאחלים ברכת מזל טוב לכלל חסידי בעלזא לרגל השמחה שבמעון הק' שמחת נישואי הנכדה שתחי' נכדת כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א שמחו בה' וגילו צדיקים והרנינו כל ישרי לב! מזל טוב!

נעלה בזכרון קדוש לרגל היומא דהילולא הראשון
של כ"ק אדמו"ר רבי שרגא פייביש זיע"א
בן כ"ק אדמו"ר רבי אברהם יהושע העשיל מקאסוב זיע"א
נסתלק כ"ג סיון תשפ"ד לפ"ק, תנצב"ה, זיע"א
של כ"ק אדמו"ר רבי יהושע העשיל זיע"א
בן כ"ק אדמו"ר רבי אברהם מזידיטשויב זיע"א
נסתלק כ"ד סיון תשפ"ד לפ"ק, תנצב"ה, זיע"א
במרום ילמדו עליהם ועלינו להיות למליץ יושר עבור בני משפחתם וכל כלל ישראל אמן

**ברכת מזלא טוב חמה**
**ולבבית לכבוד ידידינו הנכבד**
**מוה"ר ר' ישעי' יעקב ריביאט שליט"א**
**מלמד ומחנך מומחה**
**בישיבה מסורת אבות – ליקוואד יצ"ו**
**לרגל שמחת לידת בתו שתחי'**
**ובשעה טובה ומוצלחת ולמזל טוב!**
**יזכו שיזכו ההורים שיחי' לראות הרבה נחת דקדושה מכל יוצ"ח לתפארת המשפחה מתוך הרחבת הדעת וישוב הדעת, שע ברכ והצלחה ושמחה וכטו"ס אכי"ר.** המערכת.

**ברכת מזלא טבא וגדיא יאה למע"כ**
**הרבנית מסטרעטין תליט"א**
**לרגל השמחה שבמעונה**
אצל חתנה
**הגה"צ הרב חיים וואגשאהל שליט"א**
**ולחתנו מוה"ר ר' אברהם יהושע העשיל אוורבוך שיחי'**
**לרגל שמחת לידת הבן שיחי'**
**למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת!**
**יזכו ההורים שיחי' לראות הרבה נחת דקדושה ומכל יוצ"ח לתפארת רבותינו ואבותינו הק' נבג"מ מתוך הרחבת הדעת וישוב הדעת, ומתוך עושר ואושר שפע ברכה והצלחה וכטו"ס אכי"ר.** המערכת.

**ארץ אשר ה' אלוקיך דורש אותה תמיד עיני ה' אלוקיך בה מרשית שנה ועד אחרית שנה**

השתדלו והרבו בתחינה ובקשה עבור אחינו בני ישראל הנמצאים בארצינו הקדושה – הקדושים יליצו בעד החיים שישארו בשלימות הבריאות ברוח ובגשם בלי שום מכשול. המקום ירחם עליהם ויוציאם מצרה לרווחה ומאפילה לאור גדול ומשעיבוד לגאולה השתא בעגלא ובזמן קריב ונאמר אמן!

הגליון יוצא לאור ע"י מכון מאמר משה – סטרעטין שנתייסדה לשמו ולזכרו הקוה"ט של כ"ק מרן רביה"ק רבי משה מסטרעטין זללה"ה
לכל עניני הגליון, להערות והארות וכן להשיג הגליון ע"י אי-מעיל ניתן להתקשר להכתובת של: degelmacheneyehuda@gmail.com

**המשך פון די וואך פאר פסח [לכבוד די הילולא קדישא פונעם הייליגע בית אהרן וואס איז אויף עש"ק – זענען מיר ממשיך די סיפורים בהמשכים]:**

מיר האבען דערציילט איבער דער חסיד רבי איטשע דוד וואס איז זייער קראנק געווארן, די ידידים זיינע האבען איהם מציע געווען צו פארן קיין ווארשא אפשר וועט עס דארט ווערן בעסער.

דער דאקטער דארט האט דערציילט פאר די ידידים און בני משפחה אז די עצה איז צו פארען קיין טאקאי אבער מען דארף שטארק אכטונג געבין עס זאל איהם נישט שאטען.

ב"ה די נסיעה איז אריבער גאנץ פיין מען איז אהנגעקומען קיין טאקאי. מען גייט צו די הקדש פון דער הקדש און פון דארט צו דער ראש הקהל׳ס שטוב ר׳ זוסמאן פארקאש.

מען האט גוט מסדר געווען רבי איטשע דוד דארט. למעשה רבי איטשע דוד האט זייער פיין געשלאפן. ויהי בבוקר און ער זעהט ווי דער זוסמאן טוהט פאר איהם אלעס – ער העלפט איהם מיט זיין דאווענען און נאך זאכען. ער פארשטייט אבער נישט פארוואס ער האט אזא מורא פאר איהם? אזוי אויך הייבט מען אהן צו נעמין שפאצירען צוזאמען. פארוואס?

די תירוץ קומט איין טאג ווען ר׳ זוסמאן דערציילט רבי איטשע דוד איבער א חלום וואס ער האט געהאט פון א צדיק וואס זיין צורה האט געשיינט און ער האט געזאגט אז ער הייסט דער סטאלינער רבי און ער וויל רעדין צו זוסמאן וועגין זיין חסיד רבי איטשע דוד.

דער סטאלינער רבי זאגט פאר זוסמאן וועגין זיין חסיד און איז מסביר ווי אזוי ער – זוסמאן וועט ווערין באלוינט דערצו אויך ווי אזוי? דארעך זוכה זיין צו האבען א קינד אי"ה. **ביטע ליינט יעצט ווייטער:**

## זוסמאן דערציילט ווייטער פאר רבי איטשע דוד:

אזוי האט געשעהן אינמיטן יענע נאכט!

איך האב מיך אויפגעוועקט אינגאנצן צושראקן פון די חלום, קוים וואס איך קען צו זיך צוקומען שפיר איך אז מיין בני בית איז אויכעט אויף איך הער זיער קול און זי פרעגט:

**מיין מאן! וואס האט געשעהן יעצט אינמיטן די נאכט?**

ענטפער איך: **איך האב געהאט זייער א מאדנע חלום – א חלום פון א הייליגע מענטש.**

**און ער האט געהייסן די סטאלינער רבי?** פרעגט מיין בני בית.

איך געב א שפרונג אויף פון מיין בעט און זאג: **פון ווי אזוי ווייסטו?**

אזוי ווייטער האט איך אהנגעצינדען א לעכט און איך מיט מיין בני בית האבען זיך אראפגעזעצט און מיר האבען ארום געשמיסט וועגין די חלום וואס ווי ווארשיינלעך האבען מיר ביידע געהאט די זעלבע חלום – ממש ווי א נבואה איז עס געווען.

## דערציילט ווייטער ר׳ זוסמאן:

איך האב באלד געזאגט: **די ווייסט וואס דאס מיינט?**

פרגט מיין בני בית: **ניין, וואס מיינסטו?**

האב איך גענטפערט: **אויב אונז ביידע האבען געהאט א חלום נישט סתם א חלום נאר ממש די זעלבע, דאס מוז מיינען אז עס איז א אמת׳ע זאך נישט סתם א ווילדע חלום און כדי צו ווייזען אז ס׳איז אמת! לויף איך שוין יעצט צו די הקדש שטוב׳ל צו עס זעהן מיט מיין אויגען! איך שפאן איין מיין פערד און איך נעם מיט א באדינער.**

**זוסמאן! וואס איז מיט דיך?!!!!** שרייט מיין בני בית – **אינמיטן די נאכט ווילסטו די גיין צו די הקדש?! יעצט? אינמיטען די נאכט? עס קען נישט ווארטן ביז אינדערפרי? ס׳איז נישט קיין סכנה?!**

האב איך זי צוריק געזאגט: **האבען דען נישט אונזער חכמים געלערענט אז מצוה הבא לידך אל תחמיצנה? איך קום שוין צוריק!**

**רבי איטשע דוד!** דערציילט ווייטער ר׳ זוסמאן – **איך ווייס נישט אויב די געדענקסט ווי אזוי איך האב דיך באטראכט יענע נאכט ממש צו זעהן ווי אזוי די דברי נבואה פון דער חלום פון דיין הייליגע רבי׳ן ווערט מקוים.**

זוסמאן האט נישט באמערקט ווי רבי איטשע דוד׳ס פנים ווערט ווייס ווי די וואנט – ווי נאר ער הערט די חלום ווי אזוי זיין הייליגע רבי האט זיך געמיהט פאר זיינעט וועגן פונעם עולם האמת.

ר׳ זוסמאן דערציילט ווייטער:

**ווען איך האב דיר געזעהן אין די הקדש האב איך גענומען דיך באטראכטן פון אלע זייטען צו זעהן אויב די חלום איז טאקע וואר – אמת, און איך האב געזעהן ווי אזוי אלעס וואס דיין הייליגע רבי הא דערציילט איז ממש אמת עס קען נישט זיין קיין שום אנדערע וועג נאר אז די חלום איז געווען א אמת׳ע חלום און דעריבער ווען איך האב דיר געפרעגט ווי אזוי האט דער סטאלינער רבי אויסגעזעהן און די האסט דערציילט זייער פונקטליך האב איך געוועהן נאך מער זעכער אין די רייד פון חז״ל אז א חלום קען זיין א זעכציגיל פון א חלום ממש אזוי.**

## רבי איטשע דוד נעמט איבער די שמועס:

רבי איטשע דוד וואס איז געווען א איש אמונה און בטחון און ער איז געווען זייער שטארק אויסגעקאכט אין אמונת ה׳ מיט אמונת צדיקים, ער האט דאך געשפירט ווי אזוי זיין הארץ קלאפט זייער שטארק נאכען הערין אזא חלום.

ער רופט זיך אהן צו ר׳ זוסמאן און ער פרעגט איהם מיט א שטארקע שטימע אזוי:

**זאג נאר ר׳ זוסמאן, פארוואס דערציילסטו מיך די גאנצע מעשה פונקט היינט?**

רופט זיך אהן ר׳ זוסמאן:

**זייער א פשוט׳ע טעם, ווייל היינט בין איך א איש בשורה טובה, איך בין געוועהן היינט ביי די דאקטער און די דאקטער האט אונז פעסט געשטעלט אז מיין בני בית איז טראגעדיג און אי״ה מיר וועלין האבען א קינד – ממש די רבי׳ס ברכה! דער אויבערשטער האט אונז שוין געהאלפן.**

## וואס האט געשעהן די קומעדיגע חדשים?

קודם כל איז אונזער רבי איטשע דוד ממש געווארן א פרישע געזונטע מענטש, דאס גאנצע מחלה און קראנקהייט איז ממש פארשווינדען געווארן עס איז נישט געבליבן קיין זכר דערפון, ער הוסט שוין נישט, ער שפייט נישט אויס בלוט ממש א נס נגלה!

# וואס האט געשעהן ווייטער? זעה דער קומעדיגע וואך

**לזכרון עולם בהיכל ה׳**

**לזכר ולעילוי נשמת**
רביה״ק **מרן רבי ישראל** זללה״ה
בן רביה״ק **רבי אורי** זללה״ה
**מראהאטין - בראדי**
נסתלק **כ״א סיון** שנת **תרפ״ב לפ״ק**
**ומנוחתו כבוד בבית החיים בבראד**
**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן**



**לזכרון עולם בהיכל ה׳**

**לזכר ולעילוי נשמת**
הרבנית מרת **הינדא פערל** ע״ה
אשת רביה״ק **רבי יהודה צבי [השני]**
**מסטרעטין זללה״ה**
**ובת הרה״ק רבי שלמה מראזלא זיע״א**
נפטרה **כ״ב סיון** שנת **תרל״ו לפ״ק**
**ת.נ.צ.ב.ה.**

# מעשה יחיאל

ב"ה שאנו זוכים לברר מקחו של צדיק, במסגרת המערכת והגליון אנו עומדים בקרוב להתחיל לסדר מחדש בעריכה מחודשת

ספרי **הגאון הצדיק רבי יחיאל מיכל היבנער זצ"ל אבד"ק ניזנוב** – גליל סטאניסלאב יצ"ו

[הסוגריים הם מה שמעובד מחדש] ספרו הבהיר **מעשה יחיאל** עה"ת, ויה"ר שיהיו שפתותיו דובבות וימליץ טוב בעד כל העושים והמעשים אכי"ר
[המספרים הם על סדר הספר והעתקנו מכמה וכמה ד"ה]

**א) ברש"י ז"ל להגיד שבחו של אהרן שלא שינה.**

שמעתי רמז שהי', רודף שלום ואמר לכאו"א דמתחרט חבירו וכן היו באמת בשעה שאמר זאת נכנס חרטה בלבו וזו **שתהא שלהבת עולה מאליו** ונרות מרומז לנשמה דהעלה אותם לשלום.

ואולי י"ל ג"כ גבי שרה אמנו ע"ה ברגע שאמר השי"ת ואני זקנתי חזרה באמת על אמרה ואדוני זקן וזו לאמור ואני זקנתי שהי' לה ברגע זו מחשבה זו.

**ב) בפסוק למה נגרע.**

יש לדייק דהרי הקדימו בעצמן התירץ. אך י"ל דרצו שע"י מחשבתם הטובה ובערבות ישראל והי' נחשב כאולי קרבו בפועל וזו מה יצוה ה' לכם והשי"ת יעשה להם צוותא לשאר ישראל, ע"ד הניטפל לעושה מצוה כעושה מצוה, והשיב השי"ת איש איש ר"ל גם הנאנס נחשב לו כאלו עשה פסח ראשון רק בפועל יעשה פסח שני ויהיו נחשב לו כאלו עשה פסח ראשון ברוב עם הדרת מלך.

**ג) בפסוק אל תעזוב אותנו.**

שמעתי **מפ"ק הרה"צ ר' ישכר בעריש מדאלני בהלולא של אביו הגה"ק מזידטשוב זי"ע עפמ"ש הק' רבי זושא זי"ע** דנא לשון תפלה וזו אל נא אחי אם אי אפשר להתפלל תריעו תהיו ברעות ובאחדות וזה יועיל לכם. וזו אמרו נא באל תעזוב אותנו על עזב תעזוב דתהי' לנו לעזור ולסעוד.

וי"ל [זהו הכוונה של] ע"כ ידעת חנותינו במדבר עם שרידי חרב דאי ספרא לא סייפא וכן בהקדמות הזה"ק מפרש המכה מצרים במדבר ע"י הדיבור והיית לנו לעינים מבחי' כלה שעיניה יפה אינה צריכה בדיקה והת"ח נקראים עיני העדה.

**ד) בפסוק ופר שני.**

ברש"י בשם ת"כ מה ת"ל שני יעיי' שם בשפ"ח. ולענ"ד י"ל משום דבפרשת תזריע מביא רש"י דחטאת לעולה ולא הקדימה הנ' אלא למקראה וא"כ הכי דכתב ופר שני יש מקום לטעות דחטאת בא אחר עולה ע"כ מפרש דבא לדרשה אחריתא אבל לעולם עולה קודמת.

**ה)** אמרו בשבת דף קט"ז ע"א אליבא דרבי וברכה שמיני דויהי בנסוע ספר בפני עצמו וע"ז נאמר חצבה עמודיה שבעה ויש בו פ"ה אותיות.

וי"ל שם רמז ע"ת שבעל פה ובו"ה פסוקים של התחלת כל חומש יש ס"ו תיבות ובפרשה של ויהי בנסוע יש תיבות ס"ה פ"ה והנה דרשו דאין השכינה שורה פחות מכ"ב אלף. וי"ל דמט"ז הניף אהרן הכהן ע"ה כ"ב אלף לוים ביום א' דהיה עליהם השראת השכינה הק' דהיו מבחי' הארון נושא את נושאיו וער' מ"ר גודל קדושת הנונין ובהם נגאל בב"א.

וע' ספה"ק סידורו של שבת בשם א"ז הגה"ק מזבאראז זי"ע דחלילה לשנות הנונין בגוף רק הסמימניות של לפניו ושל אחריו וע' ספה"ק עטרת צבי דברים מזה.

# הילולא דצדיקיא

## הרה"ק רבי שלמה ממונקאטש – בעל שם שלמה זיע"א

## נסתלק כ"א סיון תרנ"ג לפ"ק

**וזרח השמש: הגה"ק המפורסם רבי שלמה'לע שפירא זצוק"ל אבדק"ק מונקאַטש** איז געבוירן דעם זיבטען חנוכה ליכטל שנת תקצ"ב אין ריבאַטיטש, אַלס דער עלטסטער זון צו זיין גרויסן פאָטער **הרה"ק רבי אלעזר מלאַנצהוט זי"ע בעל יודעי בינה (בן הרב הקדוש המפורסם רבי צבי אלימלך מדינוב זי"ע בעמח"ס בני יששכר)**, וועלכער איז דעמאָלט געווען רב אין ריבאַטיטש און זיין מוטער **הצדיקת מרת טאבא חוה ע"ה** (אַ טאָכטער פון הגאון רבי יהושע העשיל מדוקלא זצ"ל מנכדי הגה"ק בעל פני יהושע זי"ע).
דעם נאָמען שלמה האָט ער באַקומען על פי פקודת זיין זיידן דער בני יששכר. ער האָט נאָך אויך זוכה געווען צו זיין אַסאַך מאָל על ברכיו הטהורים פון זיין זיידן **מרן הקדוש בעל בני יששכר זי"ע**, און ער האָט נאָך געדענקט פילע חידושי תורה וואָס ער האָט געהערט מפ"ק.

**האיש מקדש:** ווען ער איז אַלט געווען 8 יאָר איז ער געקומען בקשר השידוכין מיט **הרבנית חיה פרומא רבקה ע"ה**, די טאָכטער פון דעם **צדיק וקדוש רבי ר' יקותיאל שמעלקא סאַסובער זי"ע אַ זון פון הייליגן רבי'ן ר' משה לייב סאַסובער זי"ע.**
די חתונה איז געפראַוועט געוואָרן אין סאַסוב אין שנת תו"ר, ווען ער איז אַלט געווען 14 יאָר, און נאָך די חתונה איז ער געבליבן וואוינען אין סאַסוב סמוך על שלחן חותנו וואו ער האָט זיך משלים געווען אין תורה ועבודה, געזעסן יומם ולילה און געלערנט. משבת לשבת איז ער כמעט נישט געשלאָפן, און ביז אַ קורצע צייט איז ער אַ דאַנק זיין אויסטערלישע התמדה און חריפות אויסגעשטיגן אַ בקי בש"ס ופוסקים און אין די ד' חלקי שלחן ערוך כאחד מן הגדולים.
אין סאַסוב האָט רבי שלמה'לע געהאַט שימוש ביים דעמאָלטדיגן סאַסובער רב הגאון הצדיק ר' נחמי' זצ"ל, וועלכער איז געווען אַ קרוב צום הייליגן רבי'ן ר' משה לייב סאַסובער זי"ע. ער האָט אַ סאַך מקבל געווען פונעם סאַסובער רב זצ"ל פאַרשידענע ענינים און דרכים וואָס ער האָט מקבל געווען פונעם רבי'ן ר' משה לייב זי"ע.

**בצל צדיקים:** רבי שלמה'לע מונקאַטשער זי"ע האָט זוכה געווען צו קענען די גרעסטע צדיקים און רביים פון דור, און איבעראָל האָט ער נושא חן געווען און גענאָסן גרויס חביבות.
ער איז געווען עטליכע מאָל ביי די צדיקים: **רבי ר' מאיר'ל פרעמישלאַנער, רבי אשר'ל ראָפשיצער, הכהן הגדול דער רבי ר' הערש פון רימנוב** (וועלכער האָט אים מכבד געווען אַלס אינגל פון 12 יאָר מיט אַ זמר ביים טיש), **דער הייליגער ריזשינער** (ווען ער האָט געוואוינט אין סאַדיגורא), **רבי שמעון יערוסלאַבער, ביים ערשטן בעלזער רב דער שר שלום זי"ע** (צו וועמען ער איז געפאָרן בקביעות, און ער רופט אים אָן אין זיינע חיבורים "אדמו"ר"). אויך איז ער געווען ביים **הייליגע צאנזער רב זיע"א**. אויך איז ער יונגערהייט געווען ביי די פוילישע רבי'ס **הרה"ק רבי נתן דוד משידלאָווצא, רבי אליעזר'ל דזיקובער, דער הייליגער ראַדישיצער, רבי אלעזר'ל קאָזניצער און רבי חיים מאיר יחיאל מאָגליניצער, זכותם יגן עלינו.**

**סטריזוב:** רבי שלמה'לע זי"ע האָט אין אָנהויב נישט געוואָלט אָננעמען קיין רבנות פאָסטן, נאָר ווען זיין גרויסער פאָטער רבי אליעזר'ל זי"ע איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין לאַנצהוט האָט ער בגזירת כיבוד אב געהייסן זיין זון רבי שלמה'לע אָננעמען דאָס רבנות אין סטריזוב. בלית ברירה איז רבי שלמה'לע געוואָרן רב אין סטריזוב, בערך אין שנת תרי"ז, וואו ער האָט משמש געווען ברבנות 24 יאָר.
אין שנת תרכ"ב איז נסתלק געוואָרן דעם שם שלמה'ס שווער הרה"ק ר' שמעלקא מסאַסוב. עטליכע יאָר דערנאָך, י"ב אלול תרכ"ה איז אויך נסתלק געוואָרן זיין פאָטער הגה"ק רבי אלעזר מלאַנצהוט זי"ע, און כאָטש די לאַנצהוטער חסידים האָבן געוואָלט אויפנעמען דעם שם שלמה אַלס ממלא מקום אביו אין לאַנצהוט, האָט דער שם שלמה מחמת רוב ענוותנותו נישט מסכים געווען בשום אופן, נאָר ער איז פאַרבליבן רב אין סטריזוב. אין שנת תר"ל איז דער שם שלמה אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין טאַרניגראַד, אָבער ער איז דאָרט געווען רב גאָר אַ קורצע תקופה און נאָך זיבן וואָכן איז ער צוריק קיין סטריזוב.

**מונקאַטש:** נאָכדעם וואָס ס'איז ליידיג געוואָרן דאָס רבנות שטול אין מונקאַטש אין שנת תר"מ, ווען דער גאון בעל מחנה חיים זצ"ל איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין פעסט, איז דער שם שלמה אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין מונקאַטש, די שטאָט וואו זיין זיידע מרן הגה"ק בעל בני יששכר זי"ע איז געווען רב. דער שם שלמה האָט זיך דאָרט באַזעצט אָנהויב תרמ"ב, ושמה אוה למושב לו.
זיין ליכט האָט אָנגעהויבן שיינען אין די גאַנצע מדינה, און פון איבעראָל האָט מען געשטראָמט לחסות תחת צל כנפיו וליהנות מאור זיו קדושתו וצדקתו, ביז צו זיין הסתלקות כ"א סיון תרנ"ג אַלט זייענדיג 61 יאָר, ושם מנו"כ.
דער שם שלמה האָט אין מונקאַטש אויפגעטאָן גדולות ונצורות בעניני הדת. סיי אין בשר שחיטה, כבוד המת, תיקון עירובין, וכדומה.

**עבודתו בקודש:** דער שם שלמה זי"ע האָט געפראַוועט אַ געוואַלדיגע הייליגע עבודה וסיגופים נוראים, ביים עסן און ביים שלאָפן, מיט איבער מענטשליכע כוחות. ער האָט קיינמאָל נישט טועם געווען אינדערוואָכן קיין מזונות, זאָגנדיג אַז עס איז מותרות. נאָר ערב פסח צופרי האָט ער געגעסן פת הבאה בכיסנין.

ער האָט קיינמאָל נישט געטרינקען קיין בראָנפן, אויסער פורים און שושן פורים אין אַ קליין גלעזל. בכלל האָט ער נישט געטרינקען קיין משקה המשכר אויסער שבתים וימים טובים. ביים עסן יעדן טאָג פלעגט ער רעדן חסידות, סיפורי מעשיות און התנהגות פון צדיקים וקדושים אַ האַלבע שעה מיט גרויס דייקנות.

ער האָט אָפּגעראָכטן יעדע נאַכט תיקון חצות מיט בכיות און התעוררות. אונטער די טיר פלעגט מען פילע מאָל אַרויסהערן ווי דער הייליגער שם שלמה זאָגט בפה קדשו: "נו, וואָס וועט זיין רבוש"ע, עס איז דאָך אַלע טאָג אַרגער און כבוד שמך ווערט מתחלל דורך דעם הסתר פנים!", עס איז געזאָגט געוואָרן מיט אַזעלכע בכיות און תחנונים אַז די הערצער פון אַלע צוהערער זענען פשוט צוגאַנגען. נאָך תיקון חצות האָט דער שם שלמה געלערנט אַ שיעור און נאָכדעם געזאָגט ק"ש שעל המטה אין סידור ר' שבתי.

דער שם שלמה פלעגט יעדן טאָג פאַר'ן דאַווענען אַריינלייגן צדקה אין די רמבעה"נ פושקע, און געזאָגט: "הריני נותן מטבע זו בשביל שתשיב השכינה למקורה בביאת גוא"צ ב"ב".

אין די יונגע יאָרן האָט דער שם שלמה אַסאַך געררייכערט אָבער נאָכדעם האָט ער אויפגעהערט. ווען איינער האָט אים אַמאָל געפרעגט אַז דער הייליגער דברי חיים זי"ע איז מעלה עשן, האָט דער שם שלמה געענטפערט אַז אויף רבינו הקדוש מצאַנז זי"ע איז געזאָגט געוואָרן דער פסוק "ויעף אלי אחד מן השרפים". מען קען אים אים בכלל נישט משיג זיין ומי יערוך אליו. אָבער דער שם שלמה האָט מסביר געווען פאַרוואָס ער האָט אויפגעהערט רייכערן. ער האָט דערציילט אַז אַמאָל זייענדיג פאַרטיפט אין לערנען האָט אים דער רויך געשטערט פון לערנען, האָט ער דעריבער געזען אַז ס'איז אים גלייכער צו פּראַווען יחודים דורך לימוד התורה בנגלה ובנסתר אָדער מיטן טאָן מצוות און מעשים טובים, ווי איידער מיט רייכערן וואָס איז מותרות.

**איש האשכולות:** צדיקי הדור און גאוני הזמן האָבן געזען אינעם שם שלמה אַן איש האשכולות, אַ גאון אדיר צו וועמען עס זענען אָנגעקומען די שווערסטע שאלות פון דער גאַנצער מדינה. אַ פיקח עצום פון וועמען טויזנטער האָבן נהנה געווען עצה ותושיה. אַ ראש המדברים פון דער מדינה. כל רז לא אניס ליה, און אין יעדן מקצוע בתורה איז ער געווען אויסגעקאָכט. אויך האָט ער פאַרמאָגט אַן אויסטערלישן חוש צו כתב.

דער שם שלמה איז אויך געווען אַ הפלא'דיגער בעל תפלה. נאָך אַלס יונגערמאַן האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין דאַווענען וואָס איז געפראַוועט געוואָרן מיט נעימות ומתיקות. מען פלעגט קומען פון ווייטע מקומות הערן זיינע הייליגע תפילות.

אויך זיין צדקה איז געווען עד אין לשער, מתן בסתר ובהצנע לכת ובחכמה נפלאה. דער שם שלמה האָט געהאַט צענדליגער חסידים גבירים אדירים סיי פון אונגאַרן און סיי פון גאַליציע וועלכע האָבן אים באַוואָרפן מיט געלט, אָבער טראָצדעם איז לאחר פטירתו געבליבן גרויסע חובות פון די פילע צדקות.

**זרע קודש:** דער שם שלמה האָט איבערגעלאָזט צוויי הייליגע זין: א) בנו ממלא מקומו הגה"ק רבי צבי הירש זי"ע אבדק"ק מונקאַטש בעל דרכי תשובה און ב) הגה"ק רבי משה יהודה לייב מסטריזוב זי"ע.

# זכותו הגדול והקדוש יגן עלינו ועל כל ישראל אמן!

*לקיים בנו חכמי ישראל לבריאות הגוף והנפש בשלימות בתשח"י אמן:*

מרן משה בן ריזל שליט"א [**מקאלוב**]. מרן דוד בן סימא מירל שליט"א [**מוויזניץ - לאנדאן**]. מרן שמואל יעקב בן יענטא שליט"א [**מתולדות אברהם יצחק**]. מרן ישראל בן לאה אסתר שליט"א [**מוויזניץ**].

| פרשת בהעלותך - שלח | ש"ק – י"ח סיון | יום א' – י"ט | יום ב' – כ' | יום ג' – כ"א | יום ד' – כ"ב | יום ה' – כ"ג | עש"ק – כ"ד |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| **הילולא דצדיקיא** | רבי ישכר בער מראדאשיץ זיע"א<br><br>רבי לוי יצחק מאוזרינה זיע"א<br><br>רבי ירוחם ליבוביץ זיע"א<br>המשגיח רבי ירוחם ממיר<br><br>רבי יעקב אלימלך מדעעש הי"ד - זיע"א<br><br>רבי חיים אברהם מבאסטאן זיע"א | החסיד רבי בן ציון [ראבינאוויץ] אוסטרובצער זיע"א<br><br>רבי מנחם נחום מסקווירא זיע"א | רבי יחיאל מיכל מנעמירוב הי"ד - זיע"א<br><br>רבי צבי הירש מנאדבורנא זיע"א<br>בעל צמח צבי לה'<br><br>רבי זאב מראחמיסטריווקא זיע"א<br><br>רבי ישראל דן ממאדזיץ זיע"א | רבי שלמה ממונקאטש זיע"א<br><br>רביה"ק רבי ישראל מראהאטין – בראד זללה"ה<br><br>רבי מנחם נחום מאיציקאן זיע"א<br><br>רבי דוד מנחם מאניש באב"ד מטארנפול זיע"א<br>החבצלת השרון<br><br>רבי אליעזר פיש מביקסאד הי"ד - זיע"א<br><br>רבי שמעון סופר אבד"ק ערלויא הי"ד - זיע"א<br><br>רבי משה סופר ראב"ד ערלויא הי"ד - זיע"א | רבי משה ירוחם מקאצק זיע"א<br><br>רבי ברוך אשר מטשערנאביל זיע"א<br><br>רבי חיים דוב מוואסלוי זיע"א<br><br>רבי איתמר מנדבורנא זיע"א<br><br>רבי ישראל מרדכי מראחמיסטריווקא זיע"א<br><br>רבי יצחק שלמה אונגאר מחוג חתם סופר זיע"א | רבי יהודה אסאד מסערדאהלי זיע"א<br>מהרי"א אסאד<br><br>רבי אלתר יצחק אלימלך מקאמארנא זיע"א<br><br>רבי שרגא פייביש מקאסוב זיע"א | רבי יעקב יצחק מבלענדוב זיע"א<br>בעל אמת ליעקב<br><br>רבי ישראל חיים פרידמאן מראחוב זיע"א<br>בעל ליקוטי מהרי"ח<br><br>רבי יהושע העשיל מזידיטשויב זיע"א |